## אלול – מען קערט זיך אום פון "שדה", זומער קעמפּ, צום שטאָט

**א**לץ איז בהשגחה פּרטית – דער משל איז זייער צוגעפּאַסט צו דעם סדר ווי עס פּירט זיך דאָ, אַז אין חודש אלול קערט מען זיך אום פון די זומער-קעמפּס וואָס געפינען זיך אין דרויסן פון שטאָט; און דאָרטן, אין "פעלד", האָט מען פאַרבראַכט וואָכן נאָכאַנאַנד אין אַ אידישער סביבה, צווישן אידן און אידישע זאַכן.

אידן ווערן צוגעגליכן צו "**עץ השדה**"[1] – אַ בוים אין פעלד:

פּונקט ווי אַ בוים האַלט אין איין וואַקסן און אַרויסגעבן פּירות, און אין די פּירות זיינען פאַראַן קערנדלעך פון וועלכע עס וועלן אויסוואַקסן נאָך בוימער וואָס גיבן אַרויס פּירות, און אַזוי ווייטער,

אַזוי אויך ביי אַ אידן איז ניט שייך אַ צייט ווען ער ענדיקט וואַקסן חס ושלום אין אידישקייט, נאָר ער האַלט אין איין וואַקסן און ווערן העכער אין אידישקייט און גיט אַרויס בעסערע פּירות.

די זעלבע זאַך ווען אידישע קינדער געפינען זיך אין "שדה", אין זומער קעמפּס*[1] – טראָץ דעם וואָס זיי זיינען עוסק אין זאַכן צו פאַרשטאַרקן דעם געזונט פון גוף, איז צוזאַמען דערמיט האַלטן זיי אין איין מוסיף זיין אין אַלע זאַכן פון קדושה, לערנען תורה, דאַוונען און קיום המצוות;

> **ווען אידישע קינדער געפינען זיך אין "שדה", אין זומער קעמפּס , האַלטן זיי אין איין מוסיף זיין אין אַלע זאַכן פון קדושה, לערנען תורה, דאַוונען און קיום המצוות**

ס'איז גאָר פאַרקערט: דער גאַנצער צוועק פון דעם פאַרנעמען זיך מיט "בריאות הגוף", איז כדי אַז דורך דעם זאָל מען קענען נאָך מער מוסיף זיין אין אַלע ענינים פון תורה און מצוות[2].

❦ ❦ ❦

אוּן דאָס איז די ספּעציעלע אָפּלערנונג פאַר אידישע קינדער וואָס קערן זיך אום פון זומער קעמפּס אין חודש אלול:

מה-דאָך אַז אַפילו די וואָס פאַרנעמען זיך מיט "פעלד-אַרבעט" איז זיי דער קעניג, זייענדיק אין "שדה", מקבל פּנים מיט אַ ליכטיקן פריילעכן פּנים – איז דאָך אַוודאי ווען זייענדיק אין "שדה" איז מען געווען אַריינגעטאָן אינגאַנצן אין אידישע און הייליקע זאַכן, איז דאָך זיכער אַז דער אויבערשטער נעמט זיי אויף מיט שמחה און ערפילט אַלע זייערע בקשות.

אוּן פּונקט ווי אין משל, איז די קבלת פּנים פון קעניג אין פעלד די צוגרייטונג אויף דערנאָך אומקערן זיך מיט אים אין שטאָט, ביז צו אַריינגיין אין "היכל המלך"[*2], דעם קעניג'ס פּאַלאַץ – אַזוי איז עס אויך אין נמשל:

די אַלע גוטע איינפלוסן און באַשלוסן פון דער צייט ווען מ'איז געווען אין די זומער־קעמפּס, אין "פעלד" – זיינען אַ צוגרייטונג אויף דער צייט ווען מען קערט זיך אום אין שטאָט

די אַלע גוטע איינפלוסן און באַשלוסן פון דער צייט ווען מ'איז געווען אין די זומער-קעמפּס, אין "פעלד" – זיינען אַ צוגרייטונג אויף דער צייט ווען מען קערט זיך אום אין שטאָט; די השפּעה דאַרף זיין קענטיק במשך דעם גאַנצן יאָר, דורך דעם וואָס מען פירט זיך אויף ווי עס פּאָדערט זיך פון אַ אידיש קינד, און מ'וויל טאָן דעם אויבערשטנ'ס רצון מיט אַ סך חיות.

אוּן בשעת מען מאַכט די ריכטיקע החלטה אין דעם, און מיט שמחה, צו זיין וואָס מער ראוי און פאַרדינסטפול צו אומקערן זיך צוזאַמען מיטן מלך צו זיין פּאַלאַץ – באַקומט מען גלייך די כתיבה וחתימה טובה מיט אַלע ברכות פון אויבערשטן, "**מידו המלאה הפתוחה הקדושה והרחבה**"[3].

(יו"ד אלול תשמ"ח; י"ב אלול תשמ"ב)

1) שופטים כ, יט. תענית ז, א. וראה לקמן עמוד 285. *1) ראה בארוכה לקמן כרך ו' עמוד 209 ואילך. 2) ראה רמב"ם הלכות דעות ריש פרק ד. *2) ראה לעיל עמוד 16. 3) ברכה שלישית דברכת המזון.